אַן איגרתל פון ווילנע

פּראָפעסאָר דוב=בער קערלער, רעדאַקטאָר פונעם „אַלמאַנאַך". ער געפינט זיך איצט אין ווילנע וואו ער לערנט אַוואַנסירטע קורסן אויף דער יערלעכער ווילנער זומער=פּראָגראַם פון אידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

אַ נייע פּראַכט־אויסגאַבע אויף אידיש: דוב־בער קערלערס „ירושלימער אַלמאַנאַך"

- **ס'איז דער 28טער באַנד פונעם „אַלמאַנאַך"; די סעריע האָט געגרינדעט זיין טאַטע, יוסף קערלער ז"ל, דער אידישער פּאָעט און בראַווער קעמפער אין דער "רעפיוזניק" באַוועגונג, באַלד נאָכן עולה זיין אין ירושלים אָנהייב זיבעציקער יאָרן;**
- **אַן איינאונאייציקער פאַל אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור: טאַטע און זון — אידישע פּאָעטן, טאַטע און זון — רעדאַקטאָרן פון אידישע זאַמלביכער, וואָס דער זון פירט זיי ווייטער נאָכן פּאָטערס אַוועקגיין אין דער אייביקייט;**
- **דער באַנד, מיט זיינע 430 זייטן, איז די וויכטיקסטע אויסגאַבע פון היינטיקן יאָר אויפן געביט פון דער אידישער שפּראַך, ליטעראַטור און פאָרשונג: 45 מחברים פון אַ טוץ לענדער, אַן אינדזל פאַרן אויסגעטאָקטן אידיש-ליטעראַרישן וואָרט אין אונדזער צייט;**
- **דער רעדאַקטאָר, פּראָפעסאָר דוב-בער קערלער, וואָס איז אָקערשט געוואָרן אַ בן חמישים, איז סיי אַ פּראָפעסאָר און פאָרשער פון אידיש, סיי אַ אידישער פּאָעט**
- **דעם חודש פירט ער אָן מיט די אַוואַנסירטע זומער-קורסן פון אידיש אויפן ווילנער אוניווערסיטעט**

פון הירשע=דוד כ"ץ

וואָס איז שייך דער מערכה פון וועלטלעך=ליטעראַרישן אידיש ביי היינטיקן טאָג, איז מען עלול צו הערן אַפילו היינט די אויסגעדראָשענע, איבערגעדרשענטע קול=קוראס פון ביידע צדדים. פון איין זייט: „אידיש איז טויט וואָס טויט קען זיין, וואָס דרייט איר ווייטער אַ קאָפּ?" און ווידער פון דער אַנדערער זייט: „אידיש בליט אויף אין די אוניווערסיטעטן און קלובן און אויפן אינטערנעט, טוט נאָר אַ קוק אויפן נייעם בולעטין פון מיין קוזין" וכדומה.

וואָס אַן אמת, ווי מיר האָבן ניט איינמאָל געטענהט אין אונדזערע איגרתלעך, איז די וועלטלעך=ליטעראַרישע סביבה מערסנטייל אונטערגעגאַנגען מיטן אַוועקגיין אין דער אייביקייט פון לעצטן דור מייסטער געבאָרענע פון פאַרן חורבן; עס קומט אויף אַ נייע שפּרודלדיקע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון אידיש אין אַ סך חרדישע סביבות און אויפן ערשטן אָרט ביי חסידיש=היימישע; ואחרון אחרון, אַז אין די וועלטלעכע און אַקאַדעמישע סביבות דאַרף מען אויפהערן זיך אַליין אָפּנאַרן, טראַכטנדיק, אַז מיט קלובן און וועב=זייטלעך און קורסן אויף ענגליש ו ע ג ן אידיש איז מען אַ גואל הלשון גופא.

דערפון איז ניט געדרונגען חס ושלום, אַז עס איז ניטאָ וואָס אויפצוטאָן. איפכא מסתברא: אַז מ'האָט פאַר די אויגן אַ פאַרמעסט וואָס זעט אויס שווער קריעת ים=סוף, און מען האָט גוט דורכגעטראַכט ווי אַזוי צו גיין פאָראויסעט נ י ט אָפּנאַרנדיק זיך אַליין, קען מען זיך שטעלן אַן עובדא וואָס די דורכפירונג ווערט בפירוש וואָסאַמאָל מער לעילא ולעילא.

די ערשטע קשיא איז: צי קען מען היינט צו טאָג נאָך אַרויסגעבן פון וועלטלעכע אידישע שרייבער און געלערנטע איבער דער וועלט אַ זאַמלבוך, אַן אַלמאַנאַך? און „ניט אַבי וואָס". דאָס הייסט, ניט סתם אָנפילן זייטלעך מיט אייגענע שרייבעכצער און דיאָ פון נאָענטע און אייגענע, ידידים און אונטערחנפענער, אַבי אָנפילן, נאָר ערשטנס, עס זאָל האָבן אַ שיעור, אַ סייג, אַ מאָס, אַן עכט=רעדאַקטאָרשע האַנט; והשנית, עס זאָל מיט זיך פאָרשטעלן דאָס וואָס רופט זיך היינט אַ „קריטישע מאַסע", אַזאַ מין יש, וואָס איז ניט אָפּצולייקענען סיי ביי נאָענטע און סיי ביי פרעמדע און אַפילו ביי קריטיקער, סקעפּטיקער און מחמירים.

אמת, מיר בלייבן אַלע פול מיט באַוואונדערונג און התפּעלות פאַרן אינטערנעט, נאָכמער ביי היינטיקן טאָג אַז מען קען מיט אונדזערע אידישע אותיעלעך שרייבן און לייענען און אויסבייטן זיך מיט געדאַנקען און שריפטן איבער אַלע ימען און מדבריות, צודערצו בחצי חינם. זאָלן מיר אַלע געבענטשט זיין מיט דער חכמה די טעכנאָלאָגישע נפלאהלעך פון אונדזער צייט אויסנוצן לטובה...

פונדעסטוועגן איז „אידיש אויפן אינטערנעט" בפירוש ניט מסוגל צו זיין אַ פולשטענדיקער ממלא מקום פאַרן אידישן בוך און זשורנאַל שבדפוס. מען דאַרף א ו י ך האָבן גוטע ביכער און זשורנאַלן, גראַדע אַזוי ווי ביי די אומות העולם, און ווי ס'איז ביי אונדז געווען אַלע יאָרן.

און פונקט איצט שטייט אידיש פאַר דער פראַגע: צי קענען נאָך זיין גוטע געדרוקטע זאַמלונגען פון מאָדערנער אידישער ליטעראַטור, אינגאַנצן אויף אידיש?

דוב=בער קערלערס פּרעכטיק=אַרויסגעגעבענער, ערשט=דערשינענער „ירושלימער אַלמאַנאַך" שטעלט מיט זיך פאָר אַ המשך פון אַ פּראָיעקט וואָס עס האָבן געגרינדעט זיינע עלטערן, דער פּאָעט יוסף קערלער (געבאָרן אין הייסין, אוקראַינע, 1918; געשטאָרבן אין ירושלים, 2000) מיט זיין לעבנס=באַגלייטערין אַניע קערלער (געבאָרן קרעמעניץ, 1924; געשטאָרבן אין ירושלים, 2004).

די קערלערס מיט זייער אינגעלע בערעלע (דוב=בער) איז געלונגען אַרויסצופאָרן פון מאָסקווע אין 1971, נאָך אַ לאַנגן און שווערן קאַמף קעגן דער סאָוועטן=מאַכט. איך האָב זיך בחורוויז באַקענט מיט דער משפּחה אין ירושלים אין 1976 און מ'איז געבליבן לעבנלאַנגע חברים. איך געדענק ווי היינט ווי יוסף קערלער האָט מיר אַ זאָג געטאָן ביי יענדער ערשטער באַגעגעניש מיט העכער דרייסיק יאָר צוריק: „אַנדערע האָבן געגלייבט אין סאַמיזדאַט און געהיימע זאַכן, איך האָב באַשלאָסן פאַרקערט, געבן מיינע לידער וואָס מער מענטשן און אויסלענדער.."

יוסף קערלער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געוואַגט דערמאָנען דעם אויסמאָרד פון די סאָוועטיש=אידישע שרייבער דורכן רעזשים פון סטאַלין ימ"ש, אינעם איינציק=דערלויבטן סאָוועט=אידישן ליטעראַרישן זשורנאַל, „סאָוועטיש היימלאַנד". דאָס איז געווען אין יוסף קערלערס אַ ליד אין אַפּריל 1965. עס איז געווען אויך דאָס לעצטע מאָל וואָס מ'האָט בכלל געדרוקט קערלערן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. יוסף קערלערס קאַמף צו עמיגרירן קיין ישראל איז געוואָרן אַ שם=דבר איבער דער וועלט. צוויי מאָל האָט דער גרויסער ענגלענדער שרייבער און פילאָסאָף בערטראַנד ראָסעל זיך אונטערגענומען פאַרדערפאַר, און אין 1969 איז דער ענין „קערלער" אויפגענומען געוואָרן אויפן אינטערנאַציאָנאַלן „פּען קאָנגרעס".

אָנהייב 1970 האָט דער „ניו יאָרק טיימס" פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן בריוו פון יוסף קערלער צו נחמה ליפשיץ אין ישראל, בעטנדיק הילף ביים אויספאַרלאַנגען אַן עקזיט=וויזאַ ביי דער סאָוועטישער מלוכה.

אָט דעם גייסט פון קאַמף און עקשנות, פון אינטעלעקטועלער ערלעכקייט, פון דורכזען אַ זאַך ביז צום גמר=טוב, האָט געירשנט זיין בן=יחיד, דוב=בער קערלער, דער אָקערשט געוואָרענער בן=חמישים, וועמען מיר ווינטשן ווייטערדיקע שעפערישקייט און געזונט אויף לאַנגע שיינע יאָרן.

אַז די משפּחה קערלער האָט עולה געווען אין ירושלים אין 1971, איז דער בן=יחידל בערל געווען אַ בר=מצווה בחור. נאָכן ענדיקן די מיטלשול האָט ער אָפּגעדינט אין דער אַרמיי און איז אַוועק לערנען אייראָפּעאישע פילאָלאָגיע און אידישע ליטעראַטור אויפן העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, וואו ער האָט גראַדואירט אין 1983. 1984 איז ער אַריבער צו אונדז דעמאָלט אין אָקספאָרד, וואו ער איז געוואָרן דער ערשטער דאָקטאָר=סטודענט פון אידיש אינעם וועלט=באַוואוסטן אוניווערסיטעט. פון ערשטן טאָג איז ער אויך געווען אַ לערער פון אידישער שפּראַך און ליטעראַטור אין אָקספאָרד, וואו ער איז געבליבן ביזן אַריבערפאָרן אין אַמעריקע מיט זיין משפּחה אין 2001 בכדי אָננעמען די נייע פּראָפעסור פון אידיש ביים אינדיאַנער אוניווערסיטעט אין בלומינגטאָן.

אין די ניינציקער יאָרן אין אָקספאָרד, האָט דער יונגער וועלט=עקספּערט איבער דער אַלט=אידישער ליטעראַטור, און איבערן אויפקום פון דער נייער ליטעראַרישער שפּראַך אין מזרח אייראָפּע, דערשטוינט די אידיש=ליטעראַרישע וועלט מיט דעם וואָס ער האָט אָנגעהויבן אויך שרייבן אידישע פּאָעזיע, מיט אַן אייגנאַרטיקן איראָנישן חן וואו עס זעט זיך אַלע שייניקייטן פון עכטן ליטעראַרישן אידיש. צום ערשטן מאָל אין דער אידישער געשיכטע, אַ טאַטע מיט אַ זון: אידישע פּאָעטן! אין דער העברעאישער פּאָעזיע איז כידוע פאַראַן געווען אד"ם הכהן (אברהם לעבענזאָהן) אין ווילנע און זיין זון מיכה=יוסף לעבענזאָהן (מיכ"ל). מיט אַ הונדערט=פופציק יאָר שפּעטער איז אַ טאַטע=מיטן=זון שותפותשאַפט אין דער אידישער פּאָעזיע געקומען אויף דער אידישער גאַס ביים בית קערלער, אין די ניינציקער יאָרן, הגם דער טאַטע האָט געלעבט אין ירושלים און דער זון אין אָקספאָרד.

אין 1996 איז אַרויס ביים פאַרלאַג „ירושלימער אַלמאַנאַך" בשותפות מיטן פאַרלאַג „דריי שוועסטער" אין וויילז, בריטאַניע, אַ פּנים חדשות אין דער אידישער פּאָעזיע: אַ באַנד לידער פון אַ טאַטן מיט אַ זון אידישע פּאָעטן: אויף דער רעכטער זייט פון יעדן שפּאַלט אַ ליד פון יוסף קערלער, און „איבערן וועג" אויף דער לינקער זייט, אַ ליד פונעם זון, דוב=בער, וואָס זיין אידישע פּאָעזיע דרוקט זיך אונטערן „האַלבן פּסעוודאָנים", דעם רוסיש=קלינגעדיקן: באָריס קאַרלאָוו (היינו, בערל קערלער....).

דיאָ פּראַכטפולע שותפות האָט זיך אויסגעלאָזן אין יאָר 2000, ווען יוסף קערלער איז נפטר געוואָרן. אין 2004 איז געשטאָרבן אַניע קערלער, וואָס איז געווען ביי אונדז אַלעמען שטאַרק באַליבט אַלס מערקווערדיקע אשת=מחבר וואָס איר איבערגעגעבנקייט צו דער אידישער ליטעראַטור איז געווען אויף איין ניוואָ מיטן מאַן און מיטן זון; פאַרוואָר זי איז געווען אַן אינטעליגענטע, מאָדערנע, קלוגע פרוי, וואָס האָט בעת מעשה ניט אָנגעוואָרן קיין ברעקעלע פונעם חן פון אירע קרעמעניצער באָבעס און עלטערבאָבעס.

אין אַ תקופה, ווען די אידישע ליטעראַטור שטייט פאַר אַ קריזיס הקיום בפירוש, האָט זיך געשפּירט, און ס'שפּירט זיך ווייטער, אַזאַ געפיל און אַזאַ געוויסנהאַפטיקייט, אַז ס'קלעקט שוין ניט צו שרייבן אַליין אויף אידיש, זיך באַנוגענען מיט דער פרייד פון יעדן שרייבער, דאַמאָלסט, אַז מ'באַווייזט צו שאַפן, און נאָכמער, די שריפטן ווערן פאַרעפנטלעכט. ניין, אונדזער תקופה נייטיקט זיך אין דער מדרגה פון „בעל=אכסניות", ווי ס'רופט זיך, פון רעדאַקטאָרן, אַרויסגעבער, פאַרלעגער, וואָס זיינען מסוגל צו שאַפן באַלעבאַטישע „אכסניות" -- פּובליקאַציעס, צי זשורנאַלן צי זאַמלביכער, וואו מ'קען זיך דרוקן די געשאַפענע ווערק אויף אידיש, און וואו ס'איז פונדעסטוועגן פאַראַן אַ שטרענגע רעדאַקטאָרשע האַנט, דער ניוואָ זאָל ניט אַראָפּפאַלן, עס זאָל ניט ווערן סתם „כל דכפין" וואָס טויג צו צדקה אָבער ניט צום ערנסטן אידיש=ליטעראַרישן וואָרט.

באַלד נאָכן אָנקומען אין ארץ ישראל, האָט יוסף קערלער גענומען אַרבעטן אויפן גרויסאַרטיקן פּראָיעקט צו בויען אַ דויערהאַפטיקן אידישן ליטעראַרישן יאָרבוך. נעמענדיק אַלס יסוד די אידישע שרייבער אין ירושלים (צווישן זיי אַ סך פּליטי רוסלאַנד). איז עס אָבער אינגיכן געוואָרן אַ נייער אַדרעס פאַר אידיש איבער גאָר דער וועלט. אַז ס'איז אַרויס דער ערשטער באַנד אין 1973, איז דאָס געווען אַ יום=טוב אין דער אידישער ליטעראַטור. דער עצם אָריגינעלער נאָמען: „ירושלימער אַלמאַנאַך" האָט אין זיך פאַראייניקט אַן עלטערן אייראָפּעאיש=ליטעראַרישן זשאַנער מיטן אייביקן עיר הקודש וואָס איז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע אין די לעצטע צענדליקער יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט געוואָרן, אַדאַנק יוסף און אַניע קערלער: אַן עיר=ואם און אַן עיר מקלט אויך פאַר לשון אידיש, דאָסמאָל אין דער ערשטער ריי פאַר די גולי רוסלאַנד וואָס האָבן זוכה געווען אָנקומען אין אידישן לאַנד ביי די פולע ליטעראַרישע כוחות. נאָר ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, און ס'איז געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלער פּראָיעקט ממש.

אין די ניינציקער יאָרן, איז דוב=בער קערלער געוואָרן אַ מיט=רעדאַקטאָר פונעם „אַלמאַנאַך".

ווען יוסף קערלער איז נפטר געוואָרן, האָט מען געמיינט אַז פונקט ווי מערסטע אַזעלכע פּראָיעקטן, גייט די פּובליקאַציע אַוועק אויף יענער וועלט אינאיינעם מיטן גרינדער=רעדאַקטאָר. אָבער ניט יוסף קערלערס „ירושלימער אַלמאַנאַך". דער זון האָט עס איבערגענומען מיט ביידע הענט און ווייטערגעפירט, און עס איז איצט דערשינען דער שפּאָגל=נייער באַנד מיטן נומער: 28, פאַרן יאָר תשס"ח.

איז לאָמיר אים אַ קאַפּ אַדורכבלעטערן.

דער נייער „ירושלימער אַלמאַנאַך" טיילט זיך אין זיבן גרויסע אָפּטיילונגען, ואלו הן:

ערשטנס: „בענקשאַפט", וואו עס גייען ווערק פון (אָדער ו ו ע ג ן) די פאַרשטאָרבענע אידישע שרייבער יאָסל בירשטיין (דריי דערציילונגען), מעינקע קאַץ (פינף לידער), הירש רעלעס (דערציילונג) און אַן עסיי וועגן לייבו לעווין.

די גרעסטע אָפּטיילונג אין אַלמאַנאַך איז „קיום: נייע ווערק". דאָס זיינען אומגעפער צוואַנציק היינטיקע אידישע שרייבער „מדן ועד באר=שבע" פון דער היינטיקער מלוכהלע אידיש. צווישן די ווערק דאָ טרעפט מען די „גראַטעסק נאָוועלע" פון באָריס קאָטלערמאַן פון עופרים, ישראל; די אויסערגעוויינלעכע פּיעסע „די לודמירער מויד" פון דער ניו=יאָרקערין מרים האָפּמאַן; זי איז איינע פון די טאַלאַנטירטסטע אידישע שרייבער היינט אויף דער וועלט. „די לודמירער מויד" איז כידוע אויפגעפירט געוואָרן אויף דער בינע. אַדאַנק דעם „אַלמאַנאַך" קען מען לייענען אָט דעם שעדעווער פון דער היינטצייטיקער אידישער דראַמע. צווישן די פּאָעטן טרעפט מען טרוים הענדלער (וועסט פּאַלם ביטש, פלאָרידע), ישראל נעקראַסאָוו (פּעטערבורג, רוסלאַנד) און רבקה באַסמאַן בן חיים (הרצליה).

אין „געדענקשאַפט" גייען אַריין זכרונות; אין „אידישן וואָרט" קומען איבערזעצונגען פון העברעאיש, ענגליש און רוסיש. אַפילו סימבאָליש איז דאָס אַ גוטער סימן, אַז היינטצייטיקע אידישע שרייבער ווערן בכלל אינספּירירט עפּעס וואָס ברענגט זיי אַ נחת=פון=לייענען אין אַנדערע שפּראַכן איבערצוזעצן אויף אידיש! (אַ ווייטער מהלך פון די אַקטיוויטעטן וואו אַלץ דרייט זיך אַרום איבערזעצונגען פ ו ן אידיש...)

און אין „באַמערקט, געפונען, פאַרצייכנט" טרעפט מען היסטאָרישע „ראַנד=באַמערקונגען" וועגן טשיקאַווע קאַפּיטעלעך אָדער אונטער=קאַפּיטעלעך אין דעם וואָס פאָרשער געפינען, אַזוי קען מען זאָגן, „אין גאַנג פון דער אַרבעט".

דעם היינטיקן לייענער וועט אָבער אפשר מער

פאַרזעצונג אויף זייט עלף



יוסף קערלער אין 1995.

די הילע פון ערשט=דערשינענעם באַנד „ירושלימער אַלמאַנאַך"

„שפּיגל-כתב", אַ יחיד במינו אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור: אַ באַנד פּאָעזיע געשריבן בשותפות פון אַ טאַטן און אַ זון (יוסף קערלער און דוב=בער קערלער), ארויס אין 1996. אויף יעדן שפּאַלט טרעפט מען אַ ליד פון יוסף קערלער און אַ ליד פון זיין זון באָריס קאַרלאָוו (ד.ה. דוב=בער קערלער).

„וואו מיט אַן אַלף", אַ באַוואוסטער באַנד פּאָעזיע פון באָריס קאַרלאָוו (דוב=בער קערלער), ארויס אין 1996.

באָריס קאַרלאָווס „לידער פון נייעם יאָרטויזנט" (2006).

יוסף קערלערס באַוואוסטער באַנד פּאָעזיע „12 אויגוסט 1952" וואָס איז דערשינען אין ירושלים אין 1978 צום אָנדענק פון די סאָוועטישע אידישע שרייבער וואָס סטאַלינס רעזשים האָט דערמאָרדעט דעם 12טן אויגוסט 1952.

באָריס קאַרלאָווס „קאַטאַוועס אַן אַ זייט" (2007).